# פון וואַרטן מיד

צו די טרויעריקע פון מיין פאָלק
צו די טרויעריקע פון מיין היים
וועט קומען נאָכאַמאָל צוגיין
ר׳ שראל דער בעל־שם.

דער שטילער ייד פון פראָסטן פאָלק
וואָס האָט ביים שטילן גראָז פון פעלד
געלערנט זיך די שפּראַך פון טרייסט
און האָט פאַר פרייד געבענטשט אַ וועלט.

זיין וועלט וואָס איז שוין מער נישטאָ
גייט־אויף אַצינד אין אונזער ליד.
דער וואָס וויינט־מיט אונדזער קלאָג
דערהערן וועט אויך זיינע טריט.

ווייל דורכגיין וועט ער אונדזער שטאָט
און אָפּגעבן אַ גרוס פון גאָט.
און זאָגן וועט ער שטילערהייט,
אַז ער האָט אָפּגעבראַכט די פרייד.

וועלן מיר אים ענטפערן אַזוי :
ס׳איז ווייל אונדז וואָס מיר הערן דיינע טריט.
ווייל מיד איז אונדזער גוף, פון וואַרטן מיד.
נאָר די טרויעריקע זענען שטענדיק גרייט.

און דאָס איז טאַקע וואָס דערפאַר
קומען וועט דער פּשוטער בעל־שם
צו די טרויעריקע פון מיין פאָלק
צו די טרויעריקע פון מיין היים.